בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מטות תשע"ו — גליון 370 [שנה ח']

**כל דעביד רחמנא לטב עביד**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה': (ל ב) די מפרשים פרעגן אז דער ווארט לֵאמֹר איז איבעריג ווייל עס שטייט שוין וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת אז משה זאל זאגן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל? אויך איז שווער פארוואס שטייט די ווארט לֵאמֹר אינמיטן פסוק און נישט ביים ענדע נאך זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר? נאר חז"ל לערנען אונז (ברכות דף ס:) לעולם יהא אדם רגיל לומר, אז א איד דארף זאגן, כל דעביד רחמנא לטב עביד, אלעס וואס דער אויבערשטער טוט מיט א מענטש איז פאר זיין טובה, ווייל עס שטייט (ויקרא יט טו) לֹא תַעֲשׂוּ עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט, דאס קען זיין דעם רמז אין פסוק אז משה רבינו ע"ה רבן של כל ישראל לערנט לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אז לֵאמֹר מען זאל שטענדיג זאגן זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה, יעדן זאך וואס איז געשען מיטן מענטש, האט דער אויבערשטער אזוי באפוילן, און דער אויבערשטער טוט נאר גוט'ס מיטן מענטש. (תפארת שמואל – אלכסנדר)

**סמיכות פרשת נדרים צו פרשת פינחס**

וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה וגו' זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' אִישׁ כִּי־יִדֹּר נֶדֶר לַה' וגו' לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה: (ל ב–ג) צו פארשטיין די סמיכות פון די פרשה פון נדרים צום פריערדיגן פרשה? בפשטות איז ווייל פ' פינחס ענדיגט זיך מיט אֵלֶּה תַּעֲשׂוּ לַה' בְּמוֹעֲדֵיכֶם לְבַד מִנִּדְרֵיכֶם וְנִדְבֹתֵיכֶם: ממילא אז מען דערמאנט נדרים און נדבות זאגט מען שוין זייערע דינים, אבער מען קען זאגן נאך א טיפערן כוונה, ווייל אין פ' פינחס שטייט דערמאנט אלע ימים טובים, און עס זענען דא אסאך עליות וואס מענטשן זאגן צו נדרים ונדבות און אויך דער מנהג איז צו מזכיר זיין די נשמות אין די לעצטע טעג פון יום טוב און אין יו"כ, און מען זאגט דאך צו צדקה פאר די נשמות, דעריבער דערמאנט מען ענדע פון פ' פינחס לְבַד מִנִּדְרֵיכֶם וְנִדְבֹתֵיכֶם מרמז זיין די אלע נדרים און נדבות פון די עליות און פאר די נשמות, כִּי־יִדֹּר נֶדֶר, לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ, נאר כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה, גלייך געבן פאר די גבאי צדקה. (תרחם ציון)

**למעט בדיבור בחודש אלול**

לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה: (ל ג) זאגט רש"י לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ – כמו לא יחלל דברו, לא יעשה דבריו חולין. עס איז ידוע אז חסידים ואנשי מעשה האבן וויינינג אדער בכלל נישט גערעדט אין חודש אלול כדי צו מאכן א הכנה צו די הייליגע טעג. דאס קען זיין א רמז דא ווייל די סופי תיבות לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל איז אלו"ל וואס רש"י ברענט מען זאל נישט רעדן דברי חולין נאר כְּכָל־הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה לרמוז אז אין חודש אלול דארף מען טאן מצוות און מעשים טובים. (תרחם ציון)

**פארוואס שטייט "אחר" תאסף ולא "לפני" תאסף**

נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים אַחַר תֵּאָסֵף אֶל־עַמֶּיךָ: (לא ב) לכאורה איז שווער ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט אז משה זאל נקמה נעמען פון מדין וואלט דאס געדארפט זיין גלייך ווען ער לעבט נאך, וואלט געדארפט שטיין נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל "לִפְנֵי" תֵּאָסֵף און נישט אַחַר תֵּאָסֵף? נאר מען קען זאגן אז דער אויבערשטער האט דא מרמז געווען צו משה רבינו אז אזוי ווי ער האט שטענדיג ממליץ טוב געווען פאר די אידן ביי זיין לעבן און געפירט מלחמות מיט די פעלקער און האט זיי מנצח געווען, אזוי אויך זאל ער ווייטער טאן, נְקֹם נִקְמַת "אַחַר" תֵּאָסֵף, ער זאל מתפלל זיין און העלפן די אידן פון די מקטריגים און מנצח זיין די פעלקער, מען קען אויך מוסיף זיין אז די ווארט הַמִּדְיָנִים איז פון די לשון (משלי י"ח י"ט) וּמִדְיָנִים כִּבְרִיחַ אַרְמוֹן, און רש"י טייטשט ומריבה שביניהם, מפרידתם לעולם, טוט אייך אפשיידן, כבריח זה, די שלאס, שנועלים בו שערי ארמון, מען פארשליסט די טויערן פון א פאלאץ, שלא יכנסו בו, זעהט מען אז די ווארט מדינים איז א לשון פון מחלוקת און קריגעריי, דאס אויך האט דער אויבערשטער געוואלט פון משה, אז ער זאל ארבעטן פון אויבן אפצושטעלן מחלוקת. (תפארת שמואל – אלכסנדר)

## מדור העובדות

## דורך א ניגון פון מאדזיצער רבי איז דער אפיצער געווארן א בעל תשובה

דער מאדזיצער רבי הרה"ק ר' ישראל זצ"ל דער בעל דברי ישראל איז נפטר געווארן אין ווארשא י"ג כסלו תרפ"א. ער האט געוואוינט אין שכנות מיט דעם רוסישער פעסטונג-פארט- איוואנגאראד. מאדזיץ איז געווען א קליין שטעטל וואס דארט זענען געקומען חסידים צו פארברענגען מיט זייער רבי'ן אין א וועלט פון דערהויבענקייט פון תורה חסידות און נגינה.

דער הויך פונקט פון שבת קודש איז געווען אין מאדזיץ די צייט פון שלש סעודות, דער גרויסער בית המדרש איז געווען שטארק פינסטער און חסידים זענען געשטאנען קעפ אויף קעפ און מיט פארמאכטע אויגן האבן זיי זיך איינגעהערט און איינגעזאפט די הימילישע טענער וועלכער האבן געפליסט פון רבי'ק'ס מויל, וועלכע האט אליין געזונגען זיין אייגענע ניגונים אויף "בני היכלא" "ידיד נפש" און "מזמור לדוד". אויך אינדרויסן אונטער די פענסטער זענען געשטאנען הונדערטער מענטשן און צווישן זיי נישט אידן וואס האבן זיך איינגעהערט צו די שיינע מאדזיצער נגינה.

אין פעסטונג האט געדינט א הויכער אפיצער וועלכער האט אנגעפירט מיט'ן גרויסן ארקעסטער פון די ארמיי. ער האט געשטאמט פון אידן. אבער ער האט שוין געהאט פארגעסן פון זיין אידישער אפשטאמונג אויך זיין אויסזען האט נישט עדות געזאגט אז ער קומט פון אידן.

איינמאהל איז דער דאזיגער אפיצער פארבייגעגאנגען אין א שבת פארנאכט ביי שלש סעודות דעם רבי'ק'ס בית המדרש און האט געהערט א רירענדיגע ניגון און ער האט זיך ארייגעכאפט אין בית המדרש. פינסטער איז דאך סיי ווי געווען און קיינער האט איהם נישט באמערקט, און האט איינגעזאפט אין זיך דעם רבי'ק'ס נגינה נישט קענענדיג זיך אפרייסן פון ארט.

ווען מען האט געמאכט ליכטיג און מען האט דערזעהן דעם גאסט איז געווארן א רעש אין בית המדרש א קלייניקייט דער הויפט אפיצער פון פעסטונג'ס ארקעסטער איז דא! דער אפיצער האט געבעטן איינע פון די ארומיגע אידן, ער זאל צו גיין צום רבי'ן בעטן פון איהם אז דער רבי זאל איהם אויפנעמען. דער רבי האט מסכים געווען איהם אויפצונעמען נאך הבדלה.

אריינקומענדיג צום רבי'ן, האט דער אפיצער אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט: הייליגער רבי איך שטאם פון טיף רוסלאנד מיינע עלטערן זיינע געווען אידן אבער מיין מוטער האט זיך געשמד צוזאמען מיט אלע קינדער. אויך איך האב שוין לאנג פארגעסן פון מיין אידישן אפשטאם אבער דער רבי'ק'ס ניגון האט אין מיר דערוועקט מיין אידישע נשמה, וואס מעהר איך האט זיך איינגעהערט האט זיך מער דערוועקט מיין אידישע

נשמה , און דאס אידישע געפיל, איך וויל זיין א איד און איך דארף דעם רבי'נ'ס הילף. דער רבי האט געטרייסט דעם אפיצער און איהם געפרעגט צו ער געדענקט עפעס א אידישע ווארט פון דאווענען - ניין רבי! איך האב שוין אלעס פארגעסן איך געדענק נאר בלויז די צוויי ווערטער ברוך אתה און מעהר נישט.

גוט גוט: האט דער רבי זיך דעפרייט: די צוויי ווערטער איז א טייערע אוצר נעם זיי אהיים און יעדן פרימארגן ווען דו וועסט אויפשטיין זאלסטו זאגן עטליכע מאל "ברוך אתה" און אין א וואך ארום זאלסטו קומען צו מיר. דער אפיצער  איז אוועק א געטרייסטער מיט א נייע נשמה און האט  שוין נישט געקענט דערווארטן אויף סוף וואך און אין צוויי טעג ארום איז ער  געקומען צום רבי'ן און דאס מאל איז ער געקומען צוזאמען מיט זיין פרוי.

הייליגער רבי איך האב געטאן וואס דער רבי האט מיר געהייסן און אויך מיין פרוי זאגט  א גאנצן טאג "ברוך אתה" מיין הארץ פארלאנגט אסאך מער! דער רבי האט זיי ביידע פריינדליך אויפגענומען. קודם כל האט ער זיי באפוילן וואס ווייניגער מחלל שבת זיין. דער אפיצער האט צוגעזאגט אלץ אפצוהיטן און זיי האבן אנגעהויבן זיך צופירן ווי אידן. געקויפט כשרע פלייש, און די ווייב האט געצונדן ליכט. דער אפיצער איז געווארן א אפטער גאסט ביים רבין און איבערגענומען זיינע ניגונים און זיי אויסגענוצט פארן ארקעסטער. ווען ער איז געקומען קיין פעטערבורג האט ער געשפילט  מיט זיין ארקעסטער מאדזיצער מארטשן און ניגונים וואס האבן איבערגעלאזט א טיפן רושם ביי די אלע גרויסע הערשאפטן וואס האבן איהם דערפאר זייער געלויבט.

ווען עס איז געקומען פסח האט דער אפיצער באשלאסן צו היטן פסח ווי אלע אידן, ווייל אלעס וואס דער רבי האט אים געזאגט איז געווען ביי אים הייליג. און האט נישט געקוקט אז ער וואוינט אין פעסטונג מיט אנדערע אפיצערן. ער האט געהיט דעם פסח מיט עסן נאר מצה און מיט כשרות און זיין באדינער א גוי האט ער נישט געלאזט עסן מיט אים חמץ ביי זיך אין הויז.

איינמאהל ווען דער באדינער איז געזעצן אינדרויסן און געגעסן, איז אדורך געגאנגען א אפיצער און פרעגט דעם גוי, פארוואס ער עסט אינדרויסן? - ענטפערט דער גוי: מיין בעל הבית האט מיר ארויסגעווארפן, ווייל איך עס ברויט און ער עסט נאר מצה, ווי אלע אידן! אזוי גאר! דער אפיצער איז א יעווערי -איד! און ער האט ארויסגעווארפן פון זיין שטוב א גוי! איך וועל אים נישט פארשוויגן. דער אפיצער א רשע האט גלייך געמאלדן דעם קאמאנדאט פון פעסטונג און אין עטליכע טעג ארום האט דער אפיצער באקומען א ידיעה, אז ביז צוויי וואכן מוז ער פארלאזן דעם פעסטונג, און זוכן א צווייטע ארבעט.

באקומענדיג די ידיעה, איז דער מוזיק אפיצער אוועק צום רבין און דערציילט וועגן זיין מצב, און דערביי האט ער דערציילט אז ער לערנט אויס דעם פאלקאווניק- גענעראל, פון דעם פעסטונג, שפילן פידל. יעצט ווייסט ער נישט וואס צו טאן, זאל ער גיין צו איהם געבן די לעקציע אדער נישט? דער רבי האט געהייסן גיין צום לעקציע און ביי דער געלעגנהייט איהם דערציילן אז מען האט איהם אפגעזאגט. אז דער רבי הייסט גיין גייט מען! און ווי נאר דער איד איז אריינגעקומען צום פאלקאווניק, ווערט ער באפאלן פון אים: ווי אזוי וואגסטו צו קומען אהער? דו ווייסט דען נישט דעם טומל וואס דו האסט אנגעמאכט אין פעסטונג מיט דיין אידישקייט" און מיט דיין ארויסטרייבן דעם באדינער פון דיין הויז! הער פאלקאווניק, זאל מיר ערלויבן צו זאגן א פאר ווערטער אין מיין פארטיידיגונג, און ווען דער גענאראל האט איהם ערלויבט, האט ער דערציילט אז ער איז געבוירן געווארן א איד און ער האט פארגעסן פון זיין אידישקייט און ווי אזוי עס האט זיך און אים דערוועקט דאס פינטעלע איד ווען ער איז פערביי געגאנגען דעם רבינ'ס בית מדרש און ער האט געהערט א ניגון. אזוי שטארק האט אויף דיר געווירקט דעם רבינ'ס זינגען, האט דער גענעראל געפרעגט? איך וועל גיין מיט דיר די וואך הערן עפעס פון די שאפונגען פון דער וואנדער מאן און אויב זיין ניגון וועט מיר צונעמען וועל איך ערליידיגען אז דו וועסט קענען ווייטער אנהאלטן דיין פאסטן!.

דער איד האט גענומען דעם פידל און אנגעהויבן שפילן מאדזיצער ניגונים. און האט זיי געשפילט מיט אלע קנייטשן און השתפכות הנפש, און דער גענעראל האט צוגעהערט מיט א געוואלדיגע ערנסטקייט און מיט האלב פארמאכטע אויגן. ווען ער איז פארטיג געווארן איז דער גענעראל צו געגאנגען צו זיין טיש און האט ארויסגענומען פון לעדל א פאפיר און געזאגט צום איד: דאס זענען דיינע פאפירן וואס דער קאמענדאט האט מיר צוגעשיקט אונטערצושרייבן. איך צורייס דעם פראטאקל פאר דיינע אויגן. דעם רבינ'ס נגינה איז באמת הימליש און טוט באגייסטערן און משפיע זיין נישט נאר אויף אידן פון געבורט נאר אויך אויף א קריסט. איך ערקלער דיר יעצט אז דו בלייבסט אין דיין פאסטן, אבער בתנאי אז דו זאלסט מיר ערמעגליכן צו הערן זינגען פון רבי'ק'ס מויל אליין און נאטורליך טאר קיינער נישט וויסן פון דעם.

זייט דעמאלטס פלעגט קומען שבת נאך מיטאג ביים פענסטער פון רבי'ק'ס בית המדרש דער אידישער אפיציר מיט די פאלקאווינק פארשטעלט מיט ציווילע קליידער מען זאל זיי נישט דערקענען, און האבן זיך איינגעהערט צום בני היכלא און ידיד נפש. דער אידישער אפיצער האט נאך די געשיכטע מעהר נישט באהאלטן זיין אידישקייט. און מיט רשות פון רבין האט ער געשפילט אין די רוסישע ארמיי די הייליגע ניגונים, און ווען די סאלדאטן האבן באוואונדערט די ניגונים האט דער אפיצער געמאלדן אז דאס איז די ווערק פון מאדזיצער רבין.

ווען עס איז געבוירן געווארן ביי איהם א אינגל, האט ער געברענגט דעם רבי'ן מיט א מנין אידן אין פעסטונג אריין וואו מען האט געפראוועט דעם ברית, און דער מאדשיצער רבי איז געווען סנדק. דער פאלקאווניק איז אויך געווארן א הייסער אנהענגער פון רבי'ן און זיין נגינה, און ווען דער רבי האט געזוכט א פלאץ צו מאכן די חתונה פאר זיין אייניקל האט דער אפיצער באקומען ביים פאלקאווניק ערלויבעניש זיך צו באנוצן דעם פעסטונג און אויך זייערע ארקעסטער. ביי די שמחה האט דער אידישער אפיציר מיטן פאלקאווינק געווען די גרויסע מחותנים און זיי האבן געברענגט א גרופע אמת'ע קאזאק'ן פון פעסטונג צו היטן אויפן סדר פון די טויזנטער געסט. דער פאלקאווניק האט געטאן אסאך טובות פארן רבי'ן און די חסידים. דער כח פון א הייליגע ניגון גייט אריין אין די נשמה זיע"א.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך ביידע פאר $8500, סעט מליצי אש $300, סעט סופרים וספרים של הר' שלמה זוין $200 ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יעיר אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליותבן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000 א תהלים וואס רבינו יואל און זיין רביצין האבן געגעבן פאר א מיידל צו מתפלל זיין פארן רבי'ן געזונט, $1000, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן $1000, שושן סודות קארעץ שייך להאדמו"ר ר' משה שמואל ר"ב בן הגה"ק ר' יהוסף ר"ב מקאסאן, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, עת לעשות דפוס ראשון, ספר אוצר הרבנים 200$ ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 א מטבע לכבוד די חתם סופר $500, און $300 א מטבע לכבוד דער ליובאוויטשער רבי $100 א בול-סטעמפ - לכבוד חתם סופר $50 קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA   718 438 8414  718 633 5500 T/f  Hours are 11-7:30  Fri  till 1:30,  To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**--Please call us or email or fax and we will try to have the Gilyon delivered to your bungalow colony or camp.** אדער אויף לדעת- מיר ווינטשן אלע א געזונטע זוממער